**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 02/08/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט מיד-האדסאן ראיאן געווינער אין זיבעטע רונדע פון שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו און צווייטע רונדע פון NY FORWARD פראגראם

***ווייט פלעינס – איינס פון ערשטע סערטיפייד 'האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס' – צו באקומען 10 מיליאן דאלאר פון שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו; היילענד פאָלס און מאַנטגאָמרי צו באקומען 4.5 מיליאן דאלאר יעדע איינע פון NY Forward***

***שטאט-צענטער אויפלעבונג אינוועסטירונגען זענען א קריטישע טייל פון דער סטעיטס פולשטענדיגע עקאנאמישע אנטוויקלונג און קאמיוניטי וואוקס סטראטעגיע***

***100 מיליאן דאלארדיגער NY Forward פראגראם בויט ארויף אויף די שוואונג פון דעם ערפאלגרייכן 'שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו' צו שטיצן א מער גערעכטע ערהוילונג פאר שטאט צענטערן פון ניו יארק'ס קלענערע און שטעטלישע קאמיוניטיס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז ווייט פלעינס וועט באקומען 10 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג אלס די מיד-האדסאן ראיאן געווינער פון די זיבעטע רונדע פון די 'שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו' (Downtown Revitalization Initiative, DRI), און אזוי אויך היילענד פאָלס און מאַנטגאָמרי אלס די היי-יאריגע מיד-האדסאן ראיאן NY Forward ('ניו יארק אויף פאראויס') געווינער, באקומענדיג 4.5 מיליאן דאלאר יעדע איינע. פאר די 7'טע רונדע פון די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו, ווערט יעדע פון די סטעיט'ס 10 עקאנאמישע אנטוויקלונג ראיאנען צוגעטיילט 10 מיליאן דאלאר, מיט א סך הכל פון 100 מיליאן דאלאר אין פארשפראכענע געלטער פון די סטעיט אין פינאנצירונג און אינוועסטירונגען צו העלפן קאמיוניטיס פארשטערקערן זייערע עקאנאמיעס דורכן אויפפרישן זייערע שטאטישע געגנטער צו ווערן לעבהאפטיגע געגנטער.

"די שטאטישע צענטערן פון לאקאלע קאמיוניטיס זענען טייל פון דאס וואס מאכט ניו יארק סטעיט לעבהאפטיג און געוואלדיג", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די איניציאטיוון גיבן נישט נאר פאר די קאמיוניטיס די נויטיגע פינאנצירונג צו קענען אויפלעבן זייערע שטאטישע צענטערן, נאר זיי העלפן זיי אויך פילן געזעהן און דערהערט דורך די סטעיט רעגירונג. דאס העלפן אונטערהייבן געגנטער אין און ארום די האדסאן ריווער וועט ארייַנטרייבן טוריסטן און מאכן איינוואוינער באגייסטערט איבער די פלאץ וואו זיי וואוינען."

ארויפבויענדיג אויף די שוואונג פון די ערפאלגרייכע שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו, נעמט דער 100 מיליאן דאלארדיגער NY Forward פראגראם אן די זעלבע 'אומר ועושה' סטראטעגיע ווי די DRI — צו צוזאמפארן סטראטעגישע פלאנירונג מיט באלדיגע דורכפירונג פון פראיעקטן כדי צו שטיצן א מער גערעכטע ערהוילונג פון שטאט-צענטערן אין ניו יארק'ס קלענערע און שטעטלישע קאמיוניטיס.

מיט די גאווערנער'ס פארפליכטנג לעצטע יאר פון 100$ מיליאן פאר יעדע באזונדער פאר די שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו און NY Forward, האט די סטעיט יעצט שוין אינוועסטירט א סך הכל פון 1$ ביליאן דאלאר איןביידע פראגראמען זייט זיי זענען אוועקגעשטעלט געווארן. דער גאווערנאר האט פארגעשלאגן נאך 100$ מיליאן פאר יעדע פראגראם, צוקומענדיג צו א סך הכל פון 200$ מיליאן, אין איר פיסקעל יאר 2025 עקזעקיוטיוו בודזשעט.

**10 מיליאן דאלארדיגע שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו גרענט פאר ווייט פלעינס**
די סיטי אָוו ווייט פלעינס'ס DRI אפליקאציע – מיט די קעפל "The Heart of White Plains" (די הארץ פון ווייט פלעינס) – קאנצענטרירט זיך אויף די שטאט'ס טראדיציאנאלע שטאטישע צענטער וואס ווערט פארערכנט אלס א 'גן עדן' פאר פיסגייער, האבנדיג באקומען א 'גיין-צופיס צייכן' פון 98 ארויס פון 100. די געגנט איז די היים צו מערערע אפארטמענט געביידע דעוועלאפמענטס, די Galleria און City Center שאפינג מאלס וואס ווערן בקרוב פארענדיגט ווערן, א בליהענדע שורה פון רעסטוראנטן און גאסטגעבונג צענטער און די פארנומענסטע מעטראָו נארט באן סטאנציע אין די לאָוער האדסאן וואלי.

ווייט פלעינס האט זיך פארפליכטעט צו אדרעסירן דעם יעצטיגן האוזינג קריזיס אין איר אפליקאציע, און די שטאט האט באקומען די טיטל אלס א 'האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי' (Pro-Housing community). פראיעקטן וואס זענען אויסגערעכנט געווארן דורך די קאמיוניטי קאנצענטרירן זיך אויף גרינע, אפאָרדעבעל האוזינג, קאמיוניטי צוזאמקום צענטערן, זיכערע און צוגענגליכע פיסגייער און ביציקליסטן אינפראסטרוקטור און פארבינדונג צווישן די שטאט-צענטער און א דערנעבנדע געגנט מיט מענטשן מיט נידעריגע/מיטלמעסיגע איינקונפט.

ווייט פלעינס איז צוגעטיילט געווארן 10 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג און אינוועסטירונגען אויפצולעבן איר שטאטישע געגנט און שאפן נייע געלעגנהייטן פאר לאנג-טערמיניגע וואוקס נאכפאלגנדיג דעם לאקאלן פלאנירונג פראצעדור. זיי שליסן זיך אן מיט מידלטאון, קינגסטאן, ניו ראָושעל, פיקסקיל, העווערסטראו, אסינינג און פארט דזשערוויס, וועלכע זענען געווען די מיד-האדסאן געווינער אין די ערשטע זעקס רונדעס פון די DRI.

ווייט פלעינס וועט אנהויבן דעם פראצעדור פון אנטוויקלען א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן צו אויפלעבן איר שטאט-צענטער מיט ביז אזויפיל ווי 300,000$ אין פלאנירונג געלטער פון די 10 מיליאן דאלארדיגע DRI גרענט. א לאקאלע פלאנירונג קאמיטע, צוזאמענגעשטעלט פון פארשטייער פון די לאקאלע רעגירונג, קאמיוניטי פירער און אנדערע פארמישטע פארטייען, וועלן אנפירן די באמיאונגען, געשטיצט דורך א מאנשאפט פון מומחים פון דעם פריוואטן סעקטאר און סטעיט פלאנירער. דער סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וועט אונטערזוכן ארטיגע אייגנשאפטן און געלעגנהייטן און אידענטיפיצירן עקאנאמישע אנטוויקלונג, טראנספארטאציע, האָוזינג און קאמיוניטי פראיעקטן וועלכע זענען אין איינקלאנג מיט יעדע קאמיוניטי׳ס בליק פאר דאונטאון ווידער-אויפלעבונג און זענען גרייט אויף באלד איינצופירן. די סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וועט ווייזן די וועג פאר די אינוועסטירונג פון די DRI גרענט געלטער אין אויפלעבונג פראיעקטן וועלכע וועלן פאראויס-רוקן דעם חזון פון די קאמיוניטיס פאר זייערע שטאטישע צענטערן און וועלכע קענען אויסנוצן און בויען אויף די סטעיט'ס 10 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג. פלענער פאר די DRI'ס זיבעטע רונדע וועלן פארענדיגט ווערן אין 2024.

**4.5 מיליאן דאלארדיגע NY Forward גרענטס פאר היילענד פאָלס און מאַנטגאָמרי**
די ווילעדזש אָוו היילענד פאָלס איז אנגעדייטעט געווארן אין אראנדזש קאונטי'ס לעצטע ארומנעמיגע פלאן אלס א געגנט וואס באקומט פריאריטעט פאר וואוקס, און דאס מאכט דאס פאר א פאסיגע לאקאציע צו אויפלעבן די שטאט-צענטער. די ווילעדזש'ס אפליקאציע וועט ארויפבויען אויף- און אויסברייטערן פארגאנגענע שטאפלווייזע שטאט-צענטער פארבעסערונגען, באזונדערס די וועלכע האבן געשטיצט איר 2020 לאקאלע וואסער ברעג אויפלעבונג סטראטעגיע ( Local Waterfront

(Revitalization Strategy) פראיעקטן וועלכע זענען אויסגערעכנט געווארן רעכענען אריין פארבעסערונגען צו פארגרינגערן די פלוס און זיכערהייט פון טראפיק דורך פארשידענע טראנספארטאציע מיטלען, רענאוואציעס צו די אויסקוק פון די הויפט גאס, ברענדינג און מארקעטינג און אויסגעברייטערטע צוטריט צו די וואסער ברעג.

די ווילעדזש אָוו מאַנטגאָמרי איז א באחנ'טע היסטארישע ווילעדזש מיט א שטארקע געפיהל פון קאמיוניטי און א פאנאראמישע לאקאציע לענגאויס די וואלקיל ריווער. די NY Forward שטאט-צענטער געגנט איז געדיכט און פיסגייער-פריינטליך, האבנדיג א הויכע קאנצענטראציע פון היסטארישע געביידעס, ביזנעסער און בירגערליכע און קולטורישע איינריכטונגען. פראיעקטן וועלכע זענען אויסגערעכנט געווארן וועלן פארבעסערן די פארבינדונג צווישן די ווילעדזש'ס שטאט-צענטער פארקס און גרינע שטחים, פארבעסערן די זיכערהייט און פיסגייער-פריינטליכקייט פון די געסער, פרעזערווירן היסטארישע סטרוקטורן, פארשטערקערן די וועגן אריין צו די קאמיוניטי און פארגרינגערן מיטלען צו טרעפן די וועג, שילדן און ברענדינג.

היילענד פאָלס און מאַנטגאָמרי זענען ביידע צוגעטיילט געווארן 4.5 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג און אינוועסטירונגען אויפצולעבן זייערע שטאטישע געגנטער און שאפן נייע געלעגנהייטן פאר לאנג-טערמיניגע וואוקס נאכפאלגנדיג דעם לאקאלן פלאנירונג פראצעדור. זיי שליסן זיך אן מיט סליפי האַלאָו און קארנוואל/קארנוואל-אָן-האדסאן, וועלכע זענען געווען די מיד-האדסאן געווינער אין די ערשטע רונדע פון NY Forward.

היילענד פאָלס און מאַנטגאָמרי וועלן יעצט אנהויבן דעם פראצעדור פון אנטוויקלען א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן צו אויפלעבן זייערע שטאט-צענטערן. א לאקאלע פלאנירונג קאמיטע, צוזאמענגעשטעלט פון פארשטייער פון די לאקאלע רעגירונג, קאמיוניטי פירער און אנדערע פארמישטע פארטייען, וועלן אנפירן די באמיאונגען, געשטיצט דורך א מאנשאפט פון מומחים פון דעם פריוואטן סעקטאר און סטעיט פלאנירער. די סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וועט נעמען אין באטראכט לאקאלע פארמעגנס און געלעגנהייטן צו אידענטיפיצירן פראיעקטן וועלכע זענען אין איינקלאנג מיט די חזון פון יעדע קאמיוניטי און אזעלכע וועלכע זענען גרייט צו אויסגעפירט ווערן. די געלטער וועלן צוגעטיילט ווערן פאר אויסדערוועהלטע פראיעקטן פון די סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וועלכע האבן די גרעסטע פאטענציאל צו אונטערהייבן אויפלעבונג און ברענגען נייע געלעגנהייטן פאר לאנג-טערמיניגע וואוקס.

**ניו יארק סעקרעטערי אָוו סטעיט, ראבערט דזש. ראדריגעז, האט געזאגט,** "שטאטישע צענטערן אריבער ניו יארק סטעיט רוישן מיט ערווארטונג פאר די ענדערונגען וואס ליגן אויפן האריזאנט א דאנק די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו און NY Forward. די גרענטס פאר ווייט פלעינס, היילענד פאָלס און מאַנטגאָמרי וועלן אנהויבן א באגייסטערנדע וועג צו אויפלעבן די קאמיוניטיס פון וואו מען קען זיך נישט צוריקדרייען. די ענערגיע וואס די גרענטס שאפן איז מעגליך צו טאפן אין די לופט, די רעזולטאטן זענען ממשיות'דיג און די תוצאות זענען טראנספארמאטיוו.**"**

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָפ נייט, האט געזאגט,** "פון ווייט פלעינס ביז היילענד פאָלס און מאַנטגאָמרי, טוהען די DRI און NY Forward גרענטס אנערקענען שטאטישע צענטערן אלס די הערצער פון זייערע קאמיוניטיס, און זיי וועלן שטיצן קלוגע וואוקס פאר פילע יארן אין די צוקונפט. די געווינענדע אפליקאציע משל'ן אויס פלענער פאר טראנספארמאטיווע פארבעסערונגען פאר די פארבינדונג און פלוס, מער צוגענגליכע וואסער ברעגעס און א שעפערישע צוגאנג צו שאפן לעבהאפטיגע פלעצער און דעסטינאציעס וואס וועלן צוציהען באזיכער און ביזנעסער און שטופן פאר עקאנאמישע הצלחה."

**ניו יארק סטעיט הָאוּמס ענד קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "די היינטיגע DRI און NY Forward גרענטס אין דעם מיד-האדסאן ראיאן וועלן העלפן בויען טראנספארטאציע-אריענטירטע האוזינג אין די שטאט-צענטער פון ווייט פּלעינס און זיי וועלן ארייננבלאזן א פרישע חיות אין די ווילדזשעס אָוו היילענד פאָלס און מאַנטגאָמרי מיט פארבעסערונגען צו די אויסקוקן פון די געסער און פארמערטע פיסגייער-פריינטליכקייט. פארבעסערונגען פון די סארט קענען עפענען די פאטענציאל פאר נאך פריוואטע אינוועסטירונג און עקאנאמישע וואוקס. די גרענטס זענען בלויז די לעצטעביישפיל פון גאווערנער האקול'ס אנגייענדע קאנצענטראציע צו פארשטערקערן ניו יארק'ס קאמיוניטיס דורכן שיקן מיטלען צו שטאט-צענטער דיסטריקטס און מאכן אונזער סטעיט פאר א מער אפאָרדעבעל פלאץ צו וואוינען."

**מיד-האדסאן ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל ( Mid-Hudson Regional Economic Development Council) קאָו-טשעירס, דר. מארשא גארדאן, פרעזידענט און CEO פון די ביזנעס קאונסיל פון וועסטשעסטער, און דר. קריסטין יאנג, פרעזידענט פון SUNY אראנדזש, האבן געזאגט,** "כאטש מיר זענען שוין יעצט שטאלץ מיט אלעס וואס די דריי געווינענדע אפליקאנטן האבן צו אפפערן — דאך וועט די פינאנצירונג פון די DRI און פון NY Forward העלפן מאכן ווייט פלעינס, היילענד פאָלס און מאַנטגאָמרי פאר אפילו מער ציהענדע פלעצער פאר מענטשן וואס ווילן וואוינען, ארבעטן אדער באזוכן דעם מיד-האדסאן ראיאן. דורכן אונטער טרייבן טראנספארמאטיווע פלענער און צושטעלן מיטלען פאר די לאקאלע רעגירונגען צו קענען וואקסן, וועלן די פראגראם גרענטס ארייננבלאזן א פרישע חיות אין די קאמיוניטיס און פירן צו א לעבהאפטיגע צוקונפט פאר יעדן."

**סטעיט סענאטאר ראב ראליסאן האט געזאגט,** "די 4.5 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג וועט פארשטערקערן די ווילעדזש אָוו מאַנטגאָמרי'ס חזון פאר איר שטאט-צענטער און עס וועט העלפן די לאקאלע רעגירונג איינשפאנען אירע עקזיסטירנדע אייגנשאפטן אין שעפערישע נייע וועגן. מיינע גראטולירנדע וואונטשן פאר געוועזענער מעיאר סטיוו ברעסטשא און זיין מאנשאפט פארן זיך פארדינען די וויכטיגע פינאנצירונג, און א דאנק פאר גאווערנער האקול פאר איר איבערגעגעבנקייט צו שטאט-צענטער-אויפלעבונג אינוועסטירונגען אין די האדסאן וואלי."

**סטעיט סענאטארשע שעלי ב. מעיער האט געזאגט,** "עס דערפריידט מיך גאר שטארק אז ווייט פּלעינס וועט באקומען 10 מיליאן דאלאר אין די זיבעטע רונדע פון די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו. ווייט פלעינס איז א פארשידנארטיגע און לעבעדיגע שטאטישע קאמיוניטי, וואו איינוואוינער דרוקן אויס זייער בירגערליכע שטאלץ און פארמישטקייט אין די קאמיוניטי אויף א מערקווירדיגע און אנגייענדע אופן. די אינוועסטירונג וועט צושטעלן קריטישע פינאנצירונג צו פאראויס שטופן די שטאט'ס פלענער צו שטיצן עקאנאמישע וואוקס און האוזינג דעוועלאפמענט, אריינרעכענענדיג אפאָרדעבעל האוזינג, בשעת'ן מאכן די שטאט-צענטער נאך אפילו מער לעבהאפטיג. איך בין שטאלץ צו פארטרעטן די גאר ספעציעלע שטאט, און איך באדאנק די גאווערנער פאר איר איבערגעגעבנקייט צו איר אנגייענדע וואוקס."

**סטעיט סענאטאר דזשעימס סקופיס האט געזאגט,** "היילענד פאָלס איז א הערליכע, היסטארישע ווילעדזש מיט וואונדערבארע לאקאלע ביזנעסער און רעסטוראנטן, געוואלדיגע מענטשן און א הערליכע אויסבליק אויף די האדסאן ריווער. עס איז אויך א פלאץ וואס האט זיך אנגעשטויסן לעצטנס אין שוועריגקייטן און וואס וועט באמת בענעפיטירן פון די שוואונג און שטיצע וואס וועלן קומען מיט די NY Forward גרענט. די היילענד פאָלס קאמיוניטי איז שטארק, און וועט בלויז שטערקער ווערן אזוי ווי זיי זעהען די זיכערהייט פון זייערע געסער ווערנדיג פארשטערקערט, זייער הויפט גאס לעבטיגער און זייער וואסער ברעג געמאכט מער צוגענגליך פאר איינוואוינער און באזיכער צוגלייך. איך קוק באמת ארויס צו זעהן די באגייסטערנדע נייע געלעגנהייטן און פראיעקטן וועלכע וועלן פינאנצירט ווערן דורך די גרענט."

**אסעמבלי מיטגליד קריס איקוס האט געזאגט,** "איך בין געוואלדיג שטאלץ צו זעהן די ווילעדזש אָוו היילענד פאָלס אנערקענט אלס די גרוואונער פון דעם NY Forward פראגראם. די קאמיוניטי האט געפילט די חורבנות-אנזייענדע השפעה פון די היסטארישע שטורעם פון א פארנעם וואס געשעהט אמאל אין טויזנט יאר וואס איז געשעהן לעצטע יאר, פאראורזאכנדיג מיליאנען דאלארן אין שאדנס און אוועקנעמנדיג דאס לעבן פון אן איינוואוינער. מיט די פאראייניגטע שטאטן מיליטערישע אקאדעמיע ביי וועסט פוינט, די Storm King Art Center און די Woodbury Common דערנעבן, איז די ווילעדזש אין פאזיציע אלס א הויפט דעסטינאציע אין NYS. די אויפלעבונג אינוועסטירונג שטרייכט אונטער די סטעיט'ס איבערגעגעבנקייט צו שאפן לעבעדיגע און שטאנדהאפטיגע געגנטער, און איר אנערקענונג פון די מאסיווע פאטענציאל וואס היילענד פאָלס האט צו זיין אן עקאנאמישע טרייב קראפט פון די האדסאן וואלי. איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע שטיצע פון די NY Forward גרענט און פאר אירע איינפלוסרייכע אינוועסטירונגען אין אראנדזש קאונטי."

**אסעמבלי מיטגליד קריס בוירדיק האט געזאגט,** "מיינע גראטולירנדע וואונטשן פאר די סיטי אָוו ווייט פלעינס פארן געשאנקען ווערן 10 מיליאן דאלאר פון די שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו. ווייט פלעינס – די אמת'ע צענטער פון וועסטשעסטער קאונטי – האט געמאכט א מערקווירדיגע ארבעט מיטן זיך האלטן מאדערן, צוגענגליך און בכלל א וואונדערבארע פלאץ צו וואוינען. איך וואלט נישט געקענט זיין מער דערפריידט און דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פאר די 10 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר די ווייטערע אויפלעבונג פון די שטאט'ס שטאט-צענטער. די געלטער וועלן ערלויבן ווייט פלעינס צו פארזעצן אויף איר ערפאלגרייכע וועג, איר גיבנדיג די געלעגנהייט צו אויפבויען נאך און קריטיש-נויטיגע אפאָרדעבעל האוזינג און צו מאכן די שטאט נאך אפילו מער צוגענגליך פאר ביציקל רייטער און פיסגייער. די פינאנצירונג וועט זיכער מאכן אז ווייט פלעינס קען פארזעצן צו בליהען אין די יארן און צענדליגע יארן אין די צוקונפט."

**אסעמבלי מיטגלידערין עימי פאולין האט געזאגט**, "איך בין באגייסטערט אז ווייט פלעינס וועט באקומען 10 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג אלס די מיד-האדסאן ראיאן געוואונער פון די שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו. ווייט פלעינס האט אזא ווארעמע, ענווייראמענט-פריינטליכע און אריינעמיגע שטאט-צענטער, און זי האט זיך כסדר אויסגעצייכנט מיטן פארמערן האוזינג, פארמערן טראנספארטאציע געלעגנהייטן און שטיצן א פארשידנארטיגע רייער פון סארטן ביזנעסער. מיט די פארשליסונג פון די Galleria Mall און אנדערע לעצטיגע ענדערונגען, איז די שטאט-צענטער פון ווייט פלעינס אין א וויכטיגע צייט צו פארזעצן צו ארויפבויען אויף זייער ערפאלגרייכע דעוועלאפמענט און הויכע קוואליטעט פון לעבן פאר איינוואוינער. איך גראטוליר זיי פארן געוואונען די באדייטנדע פינאנצירונג, און איך קוק ארויס צו זעהן זייערע פלענער ווערנדיג פארווירקליכט."

**אסעמבלי מיטגליד ברייען מאַהער האט געזאגט,** "אלס דער געוועזענער סופערווייזער פון די טאון אָוו מאַנטגאָמרי, האב איך געהאט די עהרע צו ארבעטן מיט צאללאזע לאקאלע פארמישטע קערפערשאפטן צו ארויפבויען אויף די געוואלדיגע ארבעט וואס ווערט געטוהן אין די טאון און ווילעדזש אָוו מאַנטגאָמרי. דאס קענען שטיצן די אפליקאציע אלס מיטגליד פון די סטעיט אסעמבלי און שתדל'ן פאר די פינאנצירונג איז געווען א לאנגע און אנשטרענגענדע אונטערנעמונג. די פינאנצירונג וועט האבן א טיפע השפעה אויף די ווילעדזש און טאון אָוו מאַנטגאָמרי, און אזוי אויך אויף אראנדזש קאונטי און די ברייטערע האדסאן וואלי קאמיוניטי. איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט טאַון סופערווייזער סטיוו ברעסטשא, די ווילעדזש אָוו מאַנטגאָמרי און מיט אנדערע לאקאלע פארמישטע קערפערשאפטן צו ארויסהעלפן מיט זייער סטראטעגישע פלאנירונג און אויספירונג. עס איז אן אומפארגעסליכער און הערליכער טאג פאר די גרעיטער מאַנטגאָמרי קאמיוניטי."

די מיד-האדסאן ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל האט דורכגעפירט א גרונטליכע און פארמעסטנדע פראצעדור פון פארשלאגן אריינגעגעבן דורך קאמיוניטיס פון אריבער די גאנצע ראיאן, און

זיי האבן אין באטראכט גענומען אלע פון די פאלגנדע קריטעריאנען בעפארן רעקאמענדירן די קאמיוניטיס אלץ נאמינירטע:

- די שטאט-צענטער (דאונטאון) זאל זיין געדיכט-געבויט, מיט קלאר-באצייכנטע גרעניצן;
- דער דאונטאון דארף קענען אויסנוצן פריערדיגע אדער ברענגען צו צוקונפטיגע פריוואטע און פובליק אינוועסטירונגען אין דעם געגנט און איר אומגעגנט;
- עס זאל האבן לעצטנסדיגע אדער פאראויסגעזעהענע דזשאב וואוקס אינדערינען אין, אדער נאענט נעבן, דעם דאונטאון געגנט וועלכס קען צוציען ארבעטער צו דעם דאונטאון געגנט, שטיצן ווידער-אנטוויקלונג און מאכן וואוקס אויסהאלטבאר;
- די דאונטאון געגנט מוז זיין א ציהענדע און וואוינבארע קאמיוניטי פאר פארשידנארטיגע באפעלקערונגען פון יעדן עלטער, איינקונפט שטאפל, דזשענדער, אידענטיטעט, פעאיגקייט, באוועגיגקייט און קולטורישע הונטערגרונט;
- די מוניציפאליטעט זאל זיך שוין האבן אונטערגענומען אדער האבן די מעגליכקייט צו שאפן און איינפירן פאליסעס וואס פארמערן איינוואוינער-פריינטליכקייט און קוואליטעט פון לעבן;
- די מוניציפאליטעט זאל האבן אויסגעפירט אן אפענע און שטארקע פראצעדור צו ארבעטן צוזאמען מיט די קאמיוניטי צו ברענגען א חזון פאר שטאט-צענטער אויפלעבונג און אן ערשטיגע ליסטע פון פראיעקטן און אינציאטיוון וועלכע קענען אריינגערעכנט ווערן אין א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן;
- די מוניציפאליטעט האט אידנטיפיצירט טראנספארמאטיווע פראיעקטן וועלכע וועלן זיין גרייט צו דורכגעפירט ווערן אויף די קורצע טערמין דורך א שטופ פון DRI אדער NY Forward געלטער; און
- די מוניציפאליטעט האט די לאקאלע קאפאציטעט צו פארוואלטן אויף די פלאנירונג פראצעדור און דורכפירונג פון פראיעקטן, אריינרעכנענדיג די מעגליכקייט צו איבערזעהן קאנטראקטן פאר מוניציפאלע פראיעקטן וועלכע האבן באקומען געלט פון די גרענט.

**איבער די שטאט-צענטער אויפלעבונג אונטערנעמונג**

די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו איז אוועקגעשטעלט געווארן אין 2016 צו פארשנעלערן און פארברייטערן די אויפלעבונג פון שטאטישע צענטערן און געגנטער אין אלע צען ראיאנען פון די סטעיט צו דינען אלץ צענטערן פון אקטיוויטעט און טרייב קרעפטן פאר אינוועסטירונג. ווערנדיג אנגעפירט דורך די סטעיט דעפארטמענט מיט הילף פון עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, די היימער און קאמיוניטי רינוּעל און NYSERDA — איז די DRI א פרעצעדענטלאזע און שעפערישע "אומר ועושה" סטראטעגיע וואס פארט צוזאם סטראטעגישע פלאנירונג מיט באלדיגע אויספירונג, און די רעזולטאטן דערפון זענען געדיכטע, פיסגייער-פריינטליכע שטאט צענטערן וואס זענען א הויפט באשטאנדטייל אינעם העלפן ניו יארק סטעיט צוריק אויפבויען איר עקאנאמיע נאך די ווירקונגען פון די קאוויד-19 פאנדעמיע, און אזוי אויך צו ערגרייכן די סטעיט'ס דרייסטע קלימאט ציהלן דורכן שטופן פאר דאס באנוץ מיט פובליק טראנספארטאציע און רעדוצירן דאס זיין געוואנדן אויף פריוואטע קארן.

אין די ערשטע זעקס יאר פון דעם פראגראם האט די סטעיט פארשפראכן $700 מיליאן צו אינוועסטירן אין 69 שטאט-צענטערן וועלכע זענען רייף פאר אויפלעבונג און וועלכע האבן די פאטענציאל צו ווערן ווי א מאגנעט צו ציען נייע דעוועלאפמענטס, ביזנעס, ארבעט געלעגנהייטן און מער עקאנאמישע און האוזינג פארשידנארטיגקייט און געלעגנהייטן. אנטיילנעמענדע קאמיוניטיס ווערן נאמינירט דורך די סטעיט׳ס 10 ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס באזירט אויף די דאונטאון׳ס פאטענציעל פאר טראנספארמאציע. יעדע קאמיוניטי ווערט געשאנקען $10 מיליאן צו אנטוויקלען א דאונטאון סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן און אדורכפירן וויכטיגע סטימולירטע פראיעקטן וואס פראגרעסירט די

קאמיוניטיס וויזיע אויפצולעבן און אויסניצן מער פריוואטע און פובליק אינוועסטירונגען. אינפארמאציע איבער די DRI איז אוועילעבל דא.

**איבער דעם NY Forward פראגראם**

NY Forward איז א צענטראלע באשטאנדטייל פון די סטעיט'ס עקאנאמישע אנטוויקלונג פאליסי. דער פראגראם ארבעט אין צוזאמענהאנג מיט די DRI צו פארשנעלערן און אויסברייטערן די אויפלעבונג פון קלענערע און שטעטלישע שטאט-צענטערן אריבער די סטעיט כדי אלע קאמיוניטיס זאלן קענען בענעפיטירן פון די סטעיט'ס אויפלעבונג באמיאונגען, אפגעזעהן פון גרויסקייט, כאראקטער, געברויכן און שוועריגקייטן. ביידע פראגראמען שאפן א שטאפל פון לעבהאפטיגקייט אין שטאט-צענטערן אין יעדן ראיאן פון די סטעיט וואס באריייכערט עקאנאמישע אנטוויקלונג, קוואליטעט פון לעבן און געזעלשאפטליך-עקאנאמישע פארשידנארטיגקייט.

איינמאל NY Forward קאמיוניטיס באקומען די געלטער, ווערן זיי געשטיצט דורך א פראפעסיאנאלער פלאנירונג קאנסאָלטענט און א מאנשאפט פון סטעיט אגענטור עקספערטן אנגעפירט דורך די DOS צו אויפקומען מיט א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וואס רעכנט אריין א רייע פון טראנספארמאטיווע, ערגענצנדע און ארבעט'ס-גרייטע פראיעקטן. די פארנעם פון NY Forward פראיעקטן ווערן צוגעפאסט צו די גרויסקייט פון יעדע קאמיוניטי; פראיעקטן קענען ארייננרעכענען רענאוואציע און איבערבויאונגען פון געביידעס, נייע קאנסטרוקציע אדער אויפבויאונג פון נייע אדער פארבעסערטע פובליק ערטער, און אזוי אויך אנדערע פראיעקטן וועלכע באריייכערן ספעציפישע קולטורישע און היסטארישע אייגנשאפטן וועלכע גיבן א באדייט און אייגנארטיגקייט מיט די שטעטלישע חן וואס נעמט ארום די געגנטער.

די סטראטעגישע אינוועסטירונג פלענער און פראיעקטן ווערן געטריבן דורך א לאקאלע פלאנירונג קאמיטעט, וואס פירט אדורך ברייטע באמיאונגען צו ארבעטן צוזאמען מיט די קאמיוניטי. די סטעיט דעפארטמענט שטעלט אויך צו ברייטע טעכנישע הילף און וועבינארן איבער וויאזוי צו בויען קאפאציטעט – מיט אויפטרעטנדע איינגעשטעלטע, עקספערטן און אנדערע אין ענטליכע מצבים פון די DRI קאמיוניטיס – וועלכע זענען אויסגעשעלט צו שטיצן קאמיוניטיס וועלכע האבן מעגליך וויניגער מיטלען און קאפאציטעט ווי גרעסערע, מער שטאטישע קאמיוניטיס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן